**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/3/2025 **גאווערנער KATHY HOCHUL**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער קאונטער-טערארר צוגעגרייטקייט אקטיוויטעטן לענגאויס די סטעיט אין 2024**

***מער פון 900 געמיינזאמע קאונטערטערארר טרענירונג איבונגען פארענדיגט פאריאר***

***איבער 200 מאסן צאמקומעניש לאקאציעס אפגעשאצט לענגאויס די סטעיט אריינגערעכנט סטעדיומס קאמפוסן און טראנספארטאציע האבס***

***איבונגען אויסגעפירט ביי ביזנעסער, קריטישע אינפראסטרוקטור ערטער, באן סטאנציעס און טראק רענטאל לאקאציעס צו פארמערן וואכזאמקייט און באריכטן פארבינדען צו פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן***

***פובליק זאל באריכטן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן צו געזעץ ענפארסירונג אויף 1-866-SAFE-NYS (1-866-723-3697)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט (Division of Homeland Security) און עמערדשענסי סערוויסעס' אפיס פון קאונטער טערארר (Emergency Services’ Office of Counter Terrorism (OCT)) אין צוזאמארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי, האט אויסגעפירט טרענירונג איבונגען ביי מער פון 900 לאקאציעס לענגאויס די סטעיט אין 2024 צו פארמערן פובליק וואכזאמקייט און באריכטן פון פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן. דעס רעכנט אריין אפשאצן מער פון 200 אינפראסטרוקטור לאקאציעס איבער די סטעיט. קאונטער טערארר עקספערטן פון מער ווי 80 פעדעראלע, סטעיט, לאקאלע און טריבאלע געזעץ אנפארסירונג אגענטורן האבן געענדיגט בילדונגען אפשאצענדיג די קענטענישן פון ביזניסער צו דערקענען און באריכטן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן אין באלד יעדער קאונטי אין די סטעיט. געזעץ ענפארסירונג און OCT שטאב האבן אויך פארענדיגט NY-SECURE 66 באן קאונטער טערארר דעטאלן היי יאר, צו דערמאנען רייזנדע איבער די וויכטיגקייט פון נוצן די ’זעהט עפעס זאגט עפעס’ קאמפיין גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך צוגעשטעלט פינאנצירונג צו אריינברענגען נאך 12 פארשער און צוויי קאמיסיאנירטע אפיצירן צו די FBI געמיינזאמע טערארר טעסק פארס גרופעס אין ניו יארק סיטי, אלבעני, באפעלא, ראטשעסטער און פלעטסבורג. גאווערנער Hochul ◌(האקול) האט אויך פינאנצירט א פארברייטערונג ביי די ניו יארק סטעיט אינטעליגענץ צענטער, וועלכע האט אריינגענומען דאס צוליגגן פון סאושעל מידיע אינטעליגעץ אנאלאזירער און קאונטער טערארר אינטעליגענץ אנאלאזירער.

”האלטן ניו יארקערס פארזיכערט איז מיין העכסטע פריאריטעט - און כדי דעס צו קענען טוהן, אונז דארפן אייביג זיין גרייט צו נעמען שוץ ווען קאטאסטראפ שלאגט." **האט גאווערנער קעטי Hochul (האוקאל) געזאגט.** "מיט די זיכערהייט טרענירונג בילדונגען און אפשאצונגען אויסגעפירט אין צוזאמארבעט מיט לאקארע, סטעיט, און פעדעראלע געזעץ ענפארסירונג, אונז פארזיכערן אז ערשטע

ריספאנדערס האבן די וויסענשאפט און רעסארסן זיי דארפן צו באשיצן זייער געמיינדעס, אזוי אויך זיכער מאכן אז די פובליק בלייבט אלערט און וואכזאם.

געזעץ ענפארסירונג טיעמס איבער די סטעיט האבן אויסגעפירט איבונגען וועלכע האבן אריינגענומען מער ווי 350 געזעץ ענפארסירונג פערסאנעל אין יעדער פון די סטעיט'ס 16 קאונטער טעראריזם זאנעס. אלץ א טייל פון דעם פראצעס, טיעמס האבן אפגעשאצט פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן באריכטן און דערקענונג ביי מער פון 700 ריטעילער און ביזנעסער וועלכע פארקויפן קעמיקאלן, קאמפאונדס, באשטיינדלער, סערוויסעס אדער פארדינגען פלאץ אדער רעסארסן וועלכע קענען ווערן אויסגענוצט דורך אזעלכע מיט בייזוויליגע ווילן. דעס האט אריינגערעכנט 36 טראק רענטאל לאקאציעס אין 2024 און מער פון 600 זייט 2016. אלץ טייל פון די איבונגען, טעימס האבן אויך אפגשאצט מער ווי 200 אינפראסטרוקטור ערטער לענגאויס די סטעיט, אריינגערעכנט סטאדיומס און ארענעס, מאללס און שאפינג צענטערן, קאלעדזשעס און יוניווערסיטעטן, לופטפעלדער, טראנזיט האבס און אנדערע מאסן צוזאמקום ערטער. 58 פראצענט פון די ערטער זענען געווען ניי און זענען נישט באזוכט געווארן אין פריעדיגע יארן, עס איז געווען א 18 פראצענטיגע פארמערונג פון 2023. מער פון 7,300 בילדונגען זענען אויסגעפירט געווארן אין ניו יארק זינט 2016.

OCT האט טרענירט נאך 1,400 ניו יארקער דורך מער פון 50 טעראר אויפמערזאמקייט פרעזענטאציעס איבער ניו יארק, און OCT'ס סייבער פאסירונג אנטווארט טעים (Cyber Incident Response Team) האט אויך צוגעשטעלט סייבר דראונג בריפינגס צו מער ווי 2,600 סטעיט און לאקאלע רעגירונג אייגנטומער צו פארזיכערן אויפמערקזאמקייט און צוגרייטונג.

זינט די סטעיט-קאארדינירטע באמיהונג איז ארויסגעלאזט געווארן אין גאנג אין 2016, פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן באריכטן צו די NYS טעראר טיפס ליניע (Terrorism Tips Line) דורכאויס די בילדונגען האט זיך פארמערט 33 פראצענט, צייגענדיג עפעקטיווע אוטריטש און טרענירונג, אזוי אויך פארמערטע פובליק וואכזאמקייט און באריכטן.

**NY-SECURE אפעראציע**
די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס האט אויך צוזאמען געארבעט מיט פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע געזעץ ענפארסירונג אגענטורן אין 'אפעראציע NY-SCURE' אויסצופירן קאונטער טעראר און אינצידענט אנטווארט דעטאלן לענגאויס עמטרעק וועגן און MTA קאמיוטער ליניעס. די דעטאלן פארבעסערן קאארדינאציע און אנטווארט צווישען די באן פאליציי אגענטורן פאראנטווארטליך פאר יעדער סטאנציע, און די סטעיט און לאקאלע ענפארסירונג אגענטורן וועלכע געבן אנטווארט צו עמערדשענסיס ביי די לאקאציעס. די מערקבארער, אומגעמאלדענע דעטאלן האט אריינגערעכנט געהעכערטע פלאטפארם פאטראלן, פארמערטע זיכערהייט אנוועזנהייט אויף באנען, באמבע אויפכאפונג הונט סוויפס און קאונטער סורוועילענס מאסנאמען.

אין 2024, אפעראציע NY-SECURE האט פארענדיגט 66 דעטאלן איבערן סטעיט. טיעמס האבן אויסגעפירט 54 איינצעלנע סטאנציע דעטאלן איבער די סטעיט, און 12 מולטי-סטאנציע דעטאלן ביי עמטרעק און MTA סטאנציעס לענגאויס די עמפייר ליניע. זייט די פראגראמ'ס גרינדונג אין 2018, געזעץ ענפארסירונג טיעמס האבן אויסגעפירט 513 דעטאלן לענגאויס די סטעיט. די דעטאלן וועלן פארזעצן אין 2025.

**"אויב איר זעט עפּעס, זאָגט עפּעס"**
ניו יארקער ווערן דערמאנט צו בלייבן וואכזאם איבער זייער סביבה און באריכטן סיי וועלכע פארדעכטיגטע אקטיוויטעט. באריכטן קענען ווערן איבערגעגעבן דורכן טעלעפאון אדער אנליין צו די צו די [ניו יארק טעראריזם טיפס ליניע אויף 1-866-SAFENYS (1-866-723-3697) אדער אויף]. ניו יארקער

קענען אויך דאונלאודען די "זעט עפעס, זאגט עפעס" סמארטפאון עפפ אויף די באשוץ ניו יארק וועבבלאט. אויב איז דא אן עמערדשענסי, ביטע קלינגט 9-1-1.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיורטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנער Jackie Bray (זשעקי ברעי) האט געזאגט,** "אונז ארבעטן אין דער נאנט מיט אונזער לאקאלע רעגירונג און געזעץ ענפארסירונג מיטארבעטער לענגאויס דעם יאר, אויספירענדיג זיכערהייט טרענירונגען זיך אנצוגרייטן פאר פאטענציאלע אקן פון טערראר. די געזעהענישן אין ניו ארליענס און לאס וועגאס זענען טראגישע דערמאנונגען איבער ווי וויכטיג עס איז פאר אונז צו זיין וואכזאם, בלייבן אלערט און באריכטען פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן צו העלפן באשיצן אונזער זיכערהייט."

**ניו יארק סטעיט פאליס סופעראינטענדענט Steven G. James (סטיווען דשי. דשעימס) האט געזאגט,** "אויפקלערן ביזנעסער און די פובליק איבער וויאזוי צו באמערקן פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן און עס באריכטן צו געזעץ ענפארסירונג איז קריטיש פאר טערראר פארמיידונג. פלאנירונג, קאארדינאציע און טרענירונג זענען אלע נויטיג צו זיכער מאכן אז לאקאלע און סטעיט ערשטע הילף מאנשאפטן זענען גרייט צו ארבעטן צוזאמען צו ארויסהעלפן אין יעדע סארט עמערדזשענסי צושטאנד. די איבונגען זענען וועזנטליך צו אונזערע אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן און האלטן ניו יארקער זיכער."

אין די נאכפאלגן פון די ראסיסטישע מאס שיסעריי וועלכע האט געהארגעט 10 מענטשן ביי א טאפס פרענדלי מארקעטס געשעפט אין באפעלא אויף מאי 14, 2022, האט גאווערנער האקול ארויסגעגעבן עקזעקיוטיוו באפעל 18 אוועקשטעלנדיג ניו יארק'ס ערשטמאליגע דאמעסטישע טערראר פארמיידונגס אפטיילונג אין DHSES, וועלכע באשעפטיגט יעצט 18 מענטשן און פארלאנגט פון יעדע קאונטי אין די סטעיט און ניו יארק סיטי אויפצוקומען מיט פלענער איבערצוקומען דאמעסטישע טערראר. דאס נעמט אריין 20 מיליאן דאלאר ביז היינט צו שטיצן די אנטוויקלונג פון לאקאלע מולטי-דיסציפלינירונג דראונג אפשאצונג און פארוואלטונג (TAM) טיעמס אין אלע 57 קאונטיס און ניו יארק סיטי. עס איז יעצט פאראנען 47 TAM טיעמס, און די פארבליבענע קאונטיס נעמען שריט צו שאפן זייערע. די TAM טיעמס העלפן אדרעסירן באזארגענדע אויפפירונג אין די פריע שטאפלן פאר מענטשן נעמען די שריט וועלכע פירן צו ראדיקיליזאציע, און באשטיין פון לאקאלע ארגענעזאציעס א שטייגער ווי געזעץ ענפארסירונג, שולעס, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און אנדערע צו קאנפראנטירן דאמעסטישע טערראר, דאמעסטישע געוואלדטאטן עקסטרעמיסטקייט און געצילטע געוואלדטאטן. אין נאוועמבער 2023, גאווערנער האקול האט פארברייטערט די DTPU's מיסיע צוצושטעלן טרענירונג און שטיצע צו אלע קאלעדשעס און יוניווערזיטעטן לענגאויס די סטעיט. היינט, די ניו יארק סטעיט TAM טעים נעטווארק האט מער פון 800 סטעיקהאלטער פארנומען מיט געצילטע געוואלדטאטן פארמיידונג באמיהונגען איבער די סטעיט - א פארמערונג פון 25 פראצענט פון 2023.

**איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, טרעפט DHSES אויף פעיסבוק, אויף טוויטער אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן